# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת תצוה תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 420



ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### לויבן אויף די ניסים פון ביינאכט

"בְּאֹהֶל מוֹעֵד מִחוּץ לַפָּרֹכֶת אֲשֶׁר עַל הָעֵדֻת יַעֲרֹךְ אֹתוֹ אַהֲרֹן וּבָנָיו מֵעֶרֶב עַד בֹּקֶר לִפְנֵי ה'" (כז כא)

די חכמים זאגן (שבת כב ב), טראץ יעדן טאג האט מען אריינגעלייגט אין אלע לעמפ־לעך פון די מנורה דאס זעלבע קוואנטום פון אויל עס זאל זיין גענוג צו ברענען "מֵעֶרֶב עַד בֹּקֶר", האט דער נר המערבי ווייטער געברענט בדרך נס אין לויף פון א גאנצן טאג, און דאס איז געווען א עדות פאר אל־עמען אז די שכינה איז שורה בישראל.

האט רבי יהונתן אייבשיץ זיך געוואונדערט: אויב יעדן טאג האט פאסירט ביי די מנורה אזא נס, פארוואס ווערן מיר אזוי באגייסטערט און מיר לויבן באזונדער אין די טעג פון חנוכה אויף די נס פון די פך שמן וואס האט געברענגט אכט טעג כאטש עס האט פארמאגט אויל נאר אויף איין טאג?

ענטפערט ער: דער נס פון די 'נר המערבי' איז נאר געווען אין די טאג שעה'ן, ווייל דער אויל וואס מען האט אין דעם אריינגעלייגט איז דאך גענוג געווען אויף די גאנצע נאכט, און די שעות פון טאג זענען ראוי אויף ניסים, אזוי ווי עס שטייט (תהילים נב ג): "חֶסֶד אֵ-ל כָּל הַיּוֹם". דאקעגן דער נס פון חנוכה וואס האט זיך געצויגן אכט טעג איז געווען אין די נאכט שעה'ן ווען עס הערשט מדת הדין, דעריבער האט מען מתקן געווען להודות ולהלל אויף דעם. דער יסוד איז אויך מרומז אין דער פסוק (תהילים מב ט): "יוֹמָם יְצַוֶּה ה' חַסְדּוֹ" - דער טאג איז געווידמעט און מסוגל זוכה צו זיין צו חסד ה', "וּבַלַּיְלָה שִׁירֹה עִמִּי" - אבער ווען ער טוט מיט אונז חסדים ביינאכט, ליגט אוף אונז א חוב צו זאגן אויף דעם שירה.

מיט דעם קענען מיר אויך פארשטיין דער לשון הפיוט וואס ווערט געזאגט פסח ביינאכט: "אז רוב נסים הפלאת בלילה"; ד.מ., די באזונדערע 'וואונדער' איז אז די ניסים וואס ווערן אויסגערעכנט אין דעם פיוט זענען פארגעקומען ביינאכט.

'תפארת יהונתן'

### 'עבודה' לשם שמים

"וְאַתָּה הַקְרֵב אֵלֶיךָ אֶת אַהֲרֹן אָחִיךָ וְאֶת בָּנָיו אִתּוֹ מִתּוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְכַהֲנוֹ לִי" (כח א)

רבי חיים פון טשערנאוויץ זאגט אז הקב"ה האט אזוי געזאגט פאר משה: עס זאל דיר נישט וויי טון אויף דעם וואס דיין ברודער אהרן האט זוכה געווען צו די עבודה פון די קרבנות און נישט דו, נאר פארקערט: "הַקְרֵב אֵלֶיךָ אֶת אַהֲרֹן אָחִיךָ" - טראכט כאילו די עבודה פון אהרן ווערט געטון דורך דיר, וויבאלד די ציל פון אלעמען איז דאך טון א נחת רוח פאר מיר, איז דען דא א אונטערשייד צי די עבודה ווערט געטון דורך דיר אדער דורך א אנדערן?!

דער חשובער יסוד ווערט באטאנט דורך אונז יעדן אינדערפרי ביי די ברכה פון 'יוצר', ווען מיר זאגן אויף די מלאכים: "ונותנים באהבה רשות זה לזה להקדיש ליוצרם נחת רוח"; ווייל צווישן די מלאכים הערשט נישט קיין קנאה און שנאה, דעריבער "נותנים באהבה רשות זה לזה להקדיש ליוצרם", ווייל זייער גאנצע כוונה איז דאך נאר טון "נחת רוח" פארן באשעפער - עס זאל זיין פון וועמען עס זאל נאר זיין.

'באר מים חיים'

## פתחו שערים

די ווארט פונעם
גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### 'מודים אנחנו... בכל יום על חיינו'

יעדן אינדערפרי לויבן מיר ביי די ברכות השחר אויפן כח פון זען - 'פוקח עורים', אויפן רוקן די גלידער - 'מתיר אסורים', און אויף נאך גוטע מתנות וואס מיר האבן זוכה געווען אין זיי אין זכות פון די דערבארעמדיגע האנט פונעם באשעפער. אבער לכאורה אויף זאכן וואס מיר האבן באקומען איינמאל - אין דעם טאג וואס מיר זענען געבוירן געווארן - ליגט זיכער א חוב מיר זאלן דאווענען אויף דעם אן קיין אויפהער זיי זאלן ווייטער פונקציאנירן ווי עס דארף צו זיין, אבער פארוואס דארפן מיר לויבן אויף דעם יעדן אינדערפרי פון דאסניי?

האב איך געהערט אמאל א וואונדערליכער משל וואס ערקלערט עס זייער גוט: א מענטש וואס האט געהאט א קליינע שטעלע אין א גרויסער פירמע פון שיקן פעקלעך א.ד.ג., און אויף אים איז אויך געליגן דער עול צו עפענען דעם ביורא יעדן אינדערפרי. וויבאלד ער האט געוואוינט ווייט פונעם אפיס, האט דער פארוואלטער פארגעשלאגן אז יעדן אוונט וועט איינער פון די דרייווער פון די פירמע אראפשטעלן זיין מאשין נעבן זיין הויז, כדי אויפצומארגנ'ס זאל ער קענען אנקומען פרי צו די אפיס. איין טאג, נאך עטליכע יארן וואס אלעס האט זיך געפירט אויף די סיסטעם, האט עפעס פאסירט אז דער דרייווער האט נישט געקענט אראפלייגן די מאשין אונטער זיין הויז ווי יעדן טאג. אינדערפרי איז יענער אויפגעשטאנען ווי געווענדליך, און ווען ער האט זיך דערוואוסט אז דער מאשין שטייט נישט אונטער זיין הויז, האט ער אנגעהויבן ביטער צו שרייען: "מען האט בא'גנב'עט די מאשין!", איינער פון זיינע שכנים וואס האט פארשטאנען די אמת'דיגע סיבה פארוואס די מאשין איז נישט אויפן פלאץ האט ארויפגעלייגט זיין האנט אויף יענעם'ס אקסל און בארואיגט: "קיינער האט דיך נישט בא'גנב'עט די מאשין, די מאשין איז אינגאנצן נישט דיינס, נאר היינט האט מען עס נישט אראפגעלייגט נעבן דיין הויז אזוי ווי דו ביזסט געוואוינט...".

און די נמשל איז: די חוש פון זען, די מעגליכקייט צו קענען טרערטן מיט געזונטע פוס, און די אנדערע מתנות וואס דער באשעפער האט אונז געשאנקען זענען באמת נישט אונזער'עס, נאר ווייל מיר האבן זיך צוגעוואוינט זיי צו באקומען יעדן אינדערפרי פון דאסניי, ווען די חכמים וואלטן נישט מתקן געווען לויבן אויף דעם יעדן אינדערפרי וואלטן מיר נישט געדענקט צו לויבן אויף זיי נאר אויב חלילה זיי וואלטן אוועקגענומען געווארן פון אונז...

בעפאר מיר שרייען: "אל תשליכנו לעת זקנה, ככלות כוחנו אל תעזבנו", לאמיר לויבן פון טיפן הארץ אויף יעדן טאג וואס מיר זענען זוכה הנאה האבן פון זיינע מתנות, און אויך נאכן זאגן א ברכה אויף דעם, מיר וועלן אויך צוהערן צו די ברכות פון די ארומיגע און זיי משלים זיין מיט ענטפערן אמן, אזוי וועלן אריינעמען אין אונזערע הערצער די געפיל פון לויבן וואס מיר זענען מחויב אין דעם, און דאס וועט פאר אונז זיכער ביישטיין צו קענען ווייטער געניסן פון די מתנות לאורך ימים ושנים, און עס וועט מקויים ווערן דער פסוק: "עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים יהיו".

**מיט א רוף "ונרוממה שמו יחדיו"**

**א גוט שבת**

*יעקב דוב מארמארשטיין*

# 'אצבע אלוקים היא'

די פאלגנדע מעשה האט דערציילט הרב מאיר אזרזר שליט"א, וועלכער דינט שוין העכער צוואנציג יאר אלס רב פון דער אלטער אידישער קהילה 'שובה ישראל' אין דער שטאט האנג קאנג. די קהילה איז געגרינדעט געווארן מיט איבער הונדערט און פופציג יאר צוריק דורך אידישע סוחרים פון עיראק, און היינט איז עס בעיקר צוזאמגעשטעלט פון זייערע אייניקלעך און פון נאך אידן וואס וואס וואוינען דארט צוליב זייערע געשעפטן.

אין די תקופה וואס ער דינט אין אט די קהילה, און א טייל פון זיין ראלע אויך אלס אנפירער פון די סעמינארן פון דער ארגאניזאציע 'ערכים' אין דעם ווייטן מזרח, האט הרב אזרזר זוכה געווען און איז ווייטער זוכה מחזק זיין הונדערטער אידן וואס האבן זיך ליידער דערווייטערט פון תורה און מצוות. אין די לעצטערע יארן וואוינט ער דא אין ארץ ישראל אבער ער איז טאג-טעגליך פארבינדן מיט די קהילה מיטגלידער, און אויסער דעם פארט ער צו זיי איינמאל אין צווי וואכן זיי צו מחזק זיין און זארגן אויף זייערע גייסטישע באדערפעניש.

ערב יום כיפור תשע"ט, עטליכע מינוט פאר "כל נדרי", איז הרב אזרזר געשטאנען אנטקעגן די דריי הונדערט מתפללים אין זיין שול, און זיי איבערראשט ווען אין אנהויב פון זיין דרשה האט ער פאר זיי דערציילט אז ער האט פארברענגט דעם לעצטן ראש השנה



אין די דריטע שטאק אין דער געביידע געפונט זיך דער שול שובה ישראל אין האנג - קאנג

אין די 'שיבא' שפיטאל אין תל השומר. הערנדיג די ווערטער זענען די אויערן פון די מתפללים אנגעשפיצט געווארן צו הערן, און דער רב האט ווייטער געזאגט:

"אין אנהויב פון ראש השנה האב איך געדאווענט אין מיין קביעות'דיגן שול וואו איך דאוון אין מיין היים-שטאט אלעד, איך בין געווען פארטיפט אין מיין מחזור ווען מיין קליינער זעקס יעריגער 'ישי' שפילט זיך אין הויף פון שול, ווען פלוצלינג הערט זיך א ווי געשריי פון אינדערויסן. באלד בין

איך ארויסגערופן געווארן דורך איינער פון די מתפללים און איך בין אויפגעציטערט געווארן צו זען מיין קליינער זון ליגט אויף די ערד און שרייט פון ווייטאג.

איך האב זיך געאײַלט צו אים און גלײַך באמערקט ווי זיין האנט איז שטארק צובלוטיגט. די קינדער וואס זענען געווען נעבן אים, האבן מיר דערציילט אז זיי האבן זיך געשפילט צוזאמען אין הויף, ווען פלוצלינג איז א שווערע אייזן אראפגעפאלן פון דער נאנטער צוים גראד אויף ישי'ס פינגער. דער גראבער פינגער 'אגודל' איז אינגאנצן אפגעהאקט געווארן און איז געבליבן באהאפטן נאר מיט א שטיקל הויט.

אן אמבולאנס, וואס איז שנעל גערופן געווארן האט זיך געאײַלט אריינפירן דאס קינד, ווען איך באגלייט אים, צו די 'שיבא' שפיטאל אין תל השומר. דער אמבולאנס איז געפארן אין די ליידיגע גאסן און מיין הארץ האט געקלאפט פון שרעק, עס איז מיר שווער געווען צו פארדייען דעם פלוצלימדיגן צושטאנד. א מד"א פאראמעדיק וואס האט אונז באגלייט האט געוואלט מחזק זיין מיין צוקלאפטן גייסט האט מיר געזאגט אז מיט דריי יאר צוריק איז ער גערופן געווארן צו גאר א שווערן עקסידענט, אין וועלכן א קליין קינד איז טויטליך פארוואונדערט געווארן, ווען דער דאקטער וואס איז געווען אויפן אמבולאנס האט שוין געוואלט באשטעטיגן זיין טויט מיט רחמנא ליצלן.

'זייענדיג דער ערשטער וואס איז אנגעקומען אויפן ארט', האט ער מיר דערציילט, 'האב איך פון טיפן הארצן געבעטן דעם דאקטאר ער זאל פרובירן נאך איינמאל...'. דערווייל איז דער זיידע פונעם יונגל געקומען צולויפן, און ווי נאר ער האט זיך דערוואוסט די ערנסטקייט פון דער מצב האט ער אויפגעהויבן זיינע הענט צום הימל און אויסגעשריגן מיט א קול דערשטיקט פון ווייטאג: 'רבונו של עולם, רחום וחנון, נאר דו ווייסט אז איך האב קיינמאל נישט געוועדט ביים דאווענען, איך בעט דיר זאלסט נעמען פון מיר דער זכות און מיט דעם אויפלעבן מיין אייניקל...'.

'דער זיידע האט פארענדיגט זיין תפילה, און... דו ווייסט נישט גלייבן וואס איז געשען', האט דער וואלאנטיר פארגעזעצט צו דערציילן, 'אין געציילטע סעקונדעס איז דאס קינד צוריקגעקומען ממוות לחיים'".

ווען הרב אזרזר האט פארענדיגט דערציילן פאר די מתפללים וואס עס איז געשען מיט זיין זון, און וואס דער וואלאנטיר האט אים דערציילט אויפן וועג אין שפיטאל, האט ער זיך אפגעשטעלט, און נאך א קורצע צייט האט ער פארגעזעצט מיט א דערשטיקטע שטימע, און געבעטן פון דעם עולם:

"טייערע אידן, יעצט איז א ספעציעלע שעת רצון, איך בין נישט געוואוינט צו בעטן פון ענק בקשות, נאר צוליב מיין זון'ס צוקונפט וועל איך ענדערן פון מיין געוואוינהייט, איך וועל אייך פארציילן אז די דאקטורים אין שפיטאל האבן טאקע פארהיילט און געניי מיין זון'ס פינגער, אבער לויט ווי זיי זאגן זענען די אויסזוכטן פון זיין ערהוילונג

זייער נידעריג, און זיי וועלן געצווינגען זיין עס אפערירן און אפשניידן.

טראץ דעם, און אפשר צוליב דעם, בין איך געקומען צו זיין מיט אייך אין דעם הייליגן טאג ווי מיין שטייגער איז, און איך קען ענק נאר בעטן פון טיפן הארצן ענק זאלן זיך אונטערנעמען נישט רעדן ביים דאווענען לרפואתו פון מיין זון 'ישי חיים בן שרה'".

א קורצע שטילקייט האט געהערשט אין שול, און איינער פון די מתפללים האט זיך אויפגעשטעלט און מיט א הויכע שטימע אויסגערופן: "איך נעם זיך אונטער נישט רעדן ביים דאווענען לרפואת ישי חיים בן שרה", ווען נאך אים, איינער נאכן צווייטן האבן אלע מתפללים זיך אונטערגענומען נישט צו רעדן ביים דאווענען.

די רירנדע "כל נדרי" וואס איז נאכדעם געזאגט געווארן, וועט קיינמאל נישט פארגעסן ווערן פון די מתפללים פון דעם 'שובה ישראל' שול אין האנג קאנג. דערנאך וואס אלע מתפללים האבן זיך אונטערגענומען כאיש אחד בלב אחד נישט רעדן ביים דאווענען, איז געווארן א געוואלדיגע התעוררות צווישן זיי און פארשטייט זיך אז די דאווענען איז געווען אויף א הויכן פארנעם.

די רעזולטאטן פון די אונדערליכע קבלה, האט הרב אזרזר מיט זײַן פאמיליע זוכה געווען צו זען נאך ארום דרײַ מאנאטן.

אין חודש טבת זענען די געטרייע עלטערן געקומען מיט זייער זון אויף א באזוך בײַ א וועלט בארימטן ספעציאליסט פלעסטיק כירורג, די דאקטערין האט אראפגענומען די באנדאזש פונעם פינגער און נאך א גרונטליכע אונטערזוכונג האט זי צו איר באדויער געזאגט אז וואס די דאקטורים האבן פאראויס געזאגט איז פארווירקליכט געווארן, די פינגער האט זיך נישט גוט פארהיילט און באהאפטן צו די האנט, און זי האט געשיקט די עלטערן אין שפיטאל עס אפערירן און אפשניידן.

צוויי טעג שפעטער זענען די עלטערן ווידער געקומען אין שפיטאל. אין הארצן האבן זיי שוין משלים געווען מיט די פאקט אז זייער זון וועט מוזן אויפגעבן אויף זיין פינגער. ווען זיי זענען אריין אין שפיטאל, זענען זיי אויפגענומען געווארן דורך א דאקטער וועלכער האט זיי געהייסן מען זאל נעמען דאס קינד אויף א רענטגען אונטערזוכונג זיך צו קענען גרייטן אויפן גורל'דיגן אפעראציע. אבער ווען די רעזולטאטן זענען אנגעקומען צום דאקטער איז ער געבליבן אן קיין צינג.

די בילד האט קלאר געװיזן אז דער פינגער האט זיך אינגאנצן גוט באהאפטן. "דו ביזסט זיכער אז דאס איז דער זעלבער קינד?!", האט דער דערשטוינטער דאקטער געפרעגט דעם פאטער, און ער האט געוויזן מיטן פינגער אויף ארויף און געזאגט: "אצבע אלוקים היא...".

געהערט פון דער בעל המעשה

# די ברכה 'הרוצה בתשובה'

## די מקור פון די ברכה

נאך די ברכה 'אתה חונן' זענען מיר ממשיך און מיר בעטן אויף תשובה: "השיבנו אבינו לתורתך וקרבנו מלכנו לעבודתך והחזירנו בתשובה שלמה לפניך". די חכמים (מגילה יז ב) האבן ארויסגעלערנט אז די ברכה זאל מען זאגן נאך די ברכה 'אתה חונן', געבויעט אויפן פסוק (ישעיהו ו י): "וּלְבָבוֹ יָבִין וָשָׁב וְרָפָא לוֹ", פון דעם לערנען מיר ארויס אז דורך די דעת טוט דער מענטש איינערקענען אין זיינע זינד און פארשטייט ווי שלעכט און ביטער איז זינדיגן פארן באשעפער, און דורך דעם טוט ער תשובה און זיין זעל ווערט אויסגעהיילט פון אירע זינד (רש"י שם).

דער של"ה הקדוש (יתרו 'דרך חיים') ערקלערט די סמיכות פון די ברכות לויט וואס די מקובלים שרייבן אז אמאל פלאגט זיך א מענטש צו פארשטיין וואס ער לערנט, דאס איז ווייל עס איז באשאפן געווארן א קליפה דורך א עבירה וואס ער האט געטון, און פון דעם איז באשאפן געווארן א מחיצה וואס האלט אים אפ פון פארשטיין, און ווען ער וועט נאכזוכן זיינע מעשים און תשובה טון, וועט פון זיך אליין אוועקגיין די קליפה און ער וועט פארשטיין די תורה. וועגן דעם האט מען צוגעשטעלט 'אתה חונן' צו 'השיבנו', ווייל תשובה העלפט צו צו פארשטיין די תורה.

## די געבוי פון די ברכה

די ברכה איז צוזאם געשטעלט פון דריי בקשות וואס זענען איינס - זיך צוריק קערן און דערנענטערן צו הקדוש ברוך הוא.

אין אנהויב בעטן מיר: "השיבנו אבינו לתורתך"; ווייל נאר די תורה קען עפענען אונזערע אויגן צו פארשטיין און וויסן ווי ווייט מיר האבן פארמערט צו זינדיגן און וואס זענען די וועגן פון תשובה. און נאך, אויב מיר וועלן נישט וויסן די מצוות וועלן מיר דאך ווייטער זינדיגן ('כסא דוד' [לחיד"א] דרוש ט). ביי די בקשה דערמאנען מיר דעם טיטול 'אבינו', ווייל אזוי ווי דער פאטער דארף לערנען תורה מיט זיין זון (קידושין כט א) אזוי דארף אויך ה' יתברך אונז אויסלערנען און צוריקקערן צו זיין תורה (טור או"ח קטו).

די צווייטע בקשה - "וקרבנו מלכנו לעבודתך" ערקלערט דער אבודרהם אויף צוויי וועגן: איינס: מיר זאלן זוכה זיין דינען דעם אויבערשטן און מקיים זיין אלע זיינע מצוות, און די צווייטע: ער זאל אונז דערנענטערן צו אים און אזוי וועלן מיר אים קענען דינען מיט עבודת התפילה [וואס ווערט אנגערופן 'עבודה שבלב' (תענית ב א)] ווי עס דארף צו זיין.

נאך די צוויי בקשות ווילן מיר אנקומען צו די דריטע שטאפל: "והחזירנו בתשובה שלימה לפניך", ה' זאל אונז העלפן מיר זאלן קענען מתקן זיין וואס מיר האבן געזינדיגט, און זיך צוריק קערן צו די פאזיציע און פלאץ וואו מיר זענען געווען ביז מיר האבן זיך דערווייטערט צוליב אונזערע זינד ('שפתי חיים - רינת חיים' תפילת שמו"ע עמ' קב).

עס איז באקאנט וואס דער רמב"ם זאגט (תשובה ב ב) אז דער וידוי פונעם זינדיגער דארף זיין פון טיפן הארץ, אזא אמת'דיגע חרטה, אזוי ווייט "שיעיד עליו יודע תעלומות שלא ישוב לזה החטא לעולם". מיט דעם ערקלערט דער קאזניצער מגיד ('עבודת ישראל' פרשת פרה) אונזער בקשה: "והחזירנו בתשובה שלמה **לפניך**", מיר זאלן ריכטיג תשובה טון, אז דער אויבישטער וועט עדות זאגן אז מיר וועלן קיינמאל מער נישט זינדיגן די זינד.

## די באדייט פון די ברכה

אין די ברכה בעטן מיר פונעם באשעפער ער זאל אונז העלפן תשובה טון, ווייל ער וויל אוןווארט מיר זאלן זיך צוריק קערן צו אים, אזוי ווי עס שטייט (יחזקאל לג יא): "חַי אָנִי נְאֻם ה' אלקים אִם אֶחְפֹּץ בְּמוֹת הָרָשָׁע כִּי אִם בְּשׁוּב רָשָׁע מִדַּרְכּוֹ וְחָיָה". און דער 'אבודרהם' שרייבט טאקע (שמונה עשרה) אז וועגן דעם ענדיגן מיר די ברכה מיטן לשון: "**הרוצה בתשובה**".

דער 'יסוד ושורש העבודה' (שער ה פרק ד) שרייבט אז ביים זאגן: "והחזירנו בתשובה שלימה לפניך" דארף מען פריער אינזין האבן אויף כלל ישראל זיי זאלן זיך צוריק קערן 'בתשובה שלימה', און נאר נאכדעם א פריוואטע בקשה מיר זאלן אויך זוכה זיין צו תשובה שלימה.

און אזוי שרייבט דער בעל 'ספר חרדים' אויף די ברכה (מצות התשובה ח): "ווייל אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא דעריבער האט מען מתקן געווען א עקסטערע ברכה אויף תשובה... און אין די ברכה דארף מען מכוון זיין מער פון אלע מיטלסטע ברכות ווייל עס איז א תועלת פארן נפש און איר רפואה".

## א תפילה אויף די זינדיגע זאלן תשובה טון

רבי חיים וויטאל ברענגט אז איינער פון די גדולים פון זיין דור האט זיך אדורכגערעדט מיטן אר"י הקדוש וועגן זיין זון וואס האט זיך גע'שמד'ט רחמנא ליצלן, און דער אר"י האט אים געזאגט ער זאל צולייגן ביי די ברכה 'השיבנו' די תפילה: "יהי רצון מלפניך ה' אלוקי ואלוקי אבותי שתחתור חתירה מתחת כסא כבודך ותקבל בתשובה את פלוני בני, כי ימינך פשוטה לקבל שבים" ('פרי עץ חיים' שער העמידה כ). און מהרח"ו לייגט צו און ברענגט די כוונות וואס דער אר"י האט באפוילן אינזין האבן אין דער 'יהי רצון', אבער דער 'קב הישר' שרייבט (פ"ה) אז אויך די תפילה דארף צוקומען צו כוונות און יחודים וואס העלפן זייער צו, און ווייל נישט אלע זענען באקאנט אין דעם, זאל מען מתפלל זיין קורצערהייט און מיט כוונה.

## די כוונה פון אמן

עס איז ריכטיג אז עס איז פאסיג צו לויבן הקב"ה אויף דעם וואס ער איז רוצה בתשובה, און הלוואי עס זאל אנגענומען ווערן אונזער תשובה (סידור 'נהורא השלם').

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# מאוצרות אמונים

## די מעלה פון א ברכה וואס ווערט געענטפערט מיט א אמן

ענטפערן אמן איז א מצוה און א זכות וואס איז נישטא נאך אין איר גלייכן, אזוי ווי מיר האבן שוין אסאך גערעדט פון דעם אין די ראם פון דער בלעטל. אין דעם קאפיטל וועלן מיר ברענגען עטליכע מקורות אויף דעם וואס אויסער די עצם מצוה און די זכות וואס איז דא ביים ענטפערן אמן, איז עס אויך משלים און מחשיב די ברכה, קומט אויס אז דער וואס איז מהדר צו זאגן זיינע ברכות פאר א צווייטן זאל ענטפערן נאך זיי אמן, אויסער וואס ער איז מזכה דעם צווייטן מיט ענטפערן אמן, העלפט ער אויך פאר זיך אז דורך דעם ווערן זיינע ברכות בשלימות.

### א שלימות'דיגע מתנה פארן קעניג

אזוי שרייבט דער זוהר הקדוש (עקב רעא א):

ווען די ברכה וואס איז געענטפערט געווארן מיט א אמן גייט ארויף פון עולם התחתון צום עולם העליון, איז נישטא קיין שום טיר אויבן, און קיין שום ממונה אויבן וואס עפנט נישט אלע טירן פאר איר, און רופן אויס אין אלע הימלען: דאס איז די מתנה וואס דער און דער האט געשיקט פארן קעניג! דאס איז די מתנה וואס איז געברענגט געווארן מיט די ריכטיגע שלימות! וואס איז א ברכה וואס איז געזאגט געווארן מיט די ריכטיגע שלימות ווי עס דארף צו זיין? דאס איז א ברכה וואס מען האט אויף דעם געענטפערט אמן. ווייל יעדע ברכה וואס מען האט אויף איר געענטפערט אמן, דאס איז א ברכה וואס איז געזאגט געווארן מיט איר ריכטיגן פארעם און שלימות, אזוי ווי עס דארף צו זיין.

דער 'דברי ישראל' פון מאדזשיץ האט געזאגט אז וועגן דעם זאגן מיר ביי די ענדע פון ברכת המזון: "כן יברך אותנו כולנו יחד **בברכה שלימה ונאמר אמן**"; ווען וועט עס זיין א 'ברכה שלימה'? נאר אויב 'ונאמר אמן' נאכן ברכה ('דברי ישראל' נח).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער לייענער

**לכבוד די רעדאקציע 'וכל מאמינים'**

**שלום וברכה**

אלס איינער וואס האט הנאה יעדע וואך צו לייענען און זיך מחזק זיין פון די וואונדערליכע דברי תורה וואס ווערן געברענגט אין ענקער גליון איבער דער ענין פון דאווענען און ענטפערן אמן, זעה איך פאר א זכות צו דערציילן פאר ענקערע געשעצטע לייענער אויף די באזונדערע סיעתא דשמיא וואס איך האב זוכה געווען אין זכות פון מיין התחזקות אין ענטפערן אמן:

שוין לאנגע יארן וואס איך האנדל אין א געוויסע זאך וואס צוליב די וועלטליכע פארגעשריטנקייט פון די טעכנאלאגיע איז אין די לעצטערע יארן נישט מעגליך צו פארדינען אסאך פון דעם. לעצטנ'ס האט מען מיך אנגעטראגן אנהייבן ארבעטן אין א נייע ביזנעס וואס די רייץ איז אין דעם זייער שטארק. איך האב זייער געציטערט עס אננעמען, דעריבער האב איך באשלאסן אז אנשטאט דעם וועל איך זיך אונטערנעמען זיך מחזק זיין אין דער ענין פון ענטפערן אמן, און מקפיד זיין יעדן טאג אויף ענטפערן ניינציג אמן'ס אויף ברכות. איך האב גערעכנט אז צוליב דעם וועל איך דארפן הערן יעדן טאג פון דריי מענטשן די ברכות השחר, צוהערן און ענטפערן אמן נאך די ברכות פון דער ש"ץ ביי די הויכע שמו"ע ביי שחרית און מנחה, און ענטפערן אמן נאך די איבריגע ברכות פון דאווענען, דורך דער חשבון האב איך דערגרייכט צו ניינציג אמנים און אפילו מער. נאך דריי חדשים וואס איך בין מקפיד אויף דעם קען איך אנצייכענען מיט א צופרידנהייט אז מיטן אויבערשטנ'ס הילף טראץ וואס איך בין געבליבן ווייטער האנדלען אין דעם פריערדיגן ארבעט, זעה איך גרויס הצלחה און איך פארדין נאך מער ווי פריער.

אין שבת קודש פרשת ויצא האט מען מיך אויפגערופן צו די תורה אין דער שול וואו איך דאוון, און דער בעל קורא האט אויסגעלאזט ביי מיר דעם פסוק (בראשית ל מג): "ויפרוץ האיש מאד מאד ויהי לו צאן רבות ושפחות ועבדים וגמלים וחמורים". אין דעם האב איך געזען א רמז און א גוטע סימן אויף די הצלחה וואס איך פיל אין זכות פון ענטפערן אמן. נאכן דאווענען האב איך אויפגעכאפט אז די ר"ת פון די ווערטער: "ויפרץ האיש מאד מאד" איז בגימטריה 'אמן', און די ווערטער "מאד מאד" זענען גימטריה ניינציג, מיין געפיל איז געווען אז איך בין אויפגערופן געווארן צו די תורה צו באקומען א באשטעטיגונג אויף דעם אז מקפיד זיין אויף ענטפערן ניינציג אמנים יעדן טאג איז מסוגל אויף שפע ברכה והצלחה.

מיטן גרעסטן הערע און שעצונג
**ז. ש. - נתיבות**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



א בילד וואס איז מיוחס צו די געשטאלט פון דער חיד"א זי"ע

### החיד"א
### י"א אדר תקס"ו

רבינו חיים יוסף דוד אזולאי וואס ווערט אנגערופן מיטן ר"ת: 'החיד"א' איז געבוירן געווארן אין ירושלים אין יאר תפ"ד צו זיין פאטער רבי רפאל יצחק זרחיה, מיום עומדו על דעתו ביז זיינע לעצטע טעג אויף דער וועלט זענען אלע זיינע מינוטן געווען געווידמעט אויף לימוד התורה און טון חסד פארן כלל און פרט. דער חיד"א איז באקאנט געווען אין זיין דור און אין די שפעטערדיגע דורות אלס א גדול בתורה, בנגלה ובנסתר.

ער איז עטליכע מאל ארויסגעפארן קיין חוץ לארץ אלס שליח פון די חברונ'ער אידן. אין לויף פון זיינע רייזעס האט ער באזוכט אין אסאך לענדער אין אייראפא, און דארט אויפגעטון אסאך צו מחזק זיין די יסודות פון אידישקייט. אין יעדער פלאץ וואו ער איז געקומען האט ער איבערגעקוקט די אלטע ספרים און כת"י, און אויך מעתיק געווען פון זייערע ווערטער אין זיינע ספרים.

אין יאר תקל"ג איז ער ארויס אויף זיין לעצטע רייזע וואס פון דעם איז ער נישט צוריק. ער האט זיך באזעצט אין שטאט ליוורנו וואס איז אין איטאליע, דארט האט ער מקדיש געווען זיין גאנצע צייט צו שרייבן זיינע ספרים און זיי דרוקן. דער חיד"א האט פארפאסט העכער הונדערט און צוואנציג ספרים, ווען ארום פופציג פון זיי זענען געדרוקט געווארן בחייו. ער איז נפטר געווארן אין שבת זכור תקס"ו און באערדיגט געווארן אין ליוורנו. אין יאר תש"ך איז זיין ארון ארויפגעפירט געווארן קיין ארץ ישראל און איז באערדיגט געווארן אין הר המנוחות אין ירושלים.

### נתפשט המנהג

אויף דער מנהג פון זאגן ברכות השחר מיט א חברותא שרייבט דער חיד"א ('ברכי יוסף' או"ח תרעז ב): "און ווי באקאנט איז דער מנהג פארשפרייט געווארן אויך אין די גרויסע שטעט...".

### נישט מוותר זיין אויף די שיצונג

ווייל די 'מאה ברכות' האט מען מתקן געווען צו ראטעווען די אידן פון די מאה קללות וואס שטייען אין די תוכחה (כמ"ש הרוקח ברכות שכ), קומט אויס אז דער וואס געבט נישט אכטונג צו זאגן די מאה ברכות ווי עס דארף צו זיין יעדן טאג, אויסער וואס ער דערלייגט די עצם מצוה, דערלייגט ער אויך די באשיצונג און די שמירה פון די קללות וואס שטייען אין די תוכחה ('דבש לפי' מערכת ב אות ח).

### די צאל פון די דברים שבקדושה

"יעדן טאג זאל ער משלים זיין צ' אמנים, ד' קדושות, י' קדישים, ק' ברכות - וואס זייער ר"ת איז צדי"ק. און דאס איז איינס פון די תיקונים פון: 'צדיק יסוד עולם'" ('ציפורן שמיר' ט קלג).